## װעגן עס-בע-או (SBU):

עס-בע-או (SBU) שאַצט אָפּ די אַרבעט פֿון די שפּיטאָלן און דער סאָציאַלער באַדינונג

עס-בע-או, די מלוכישער בעל-יועץ פֿאַר מעדיצינישער און סאָציאַלער אָפּשאַצונג, איז אַ מלוכישער אינסטאַנץ װאָס פֿאַרנעמט זיך מיט אומאָפּהענגיקע אָפּשאַצונגען פֿון מעדיצינישע מעטאָדן, דענטיסטערײַ בתוכם. עס-בע-או זאָל אויך אויספֿאָרשן די הײַנטצײַטיקע קענטשאַפֿט װען עס קומט צו דער אַרבעט פֿון דער סאַציאַלער באַדינונג און דער אַרבעט בהסכּם מיט על-עס-עס (דאָס געזעץ װעגן שטיץ און באַדינונג).

עס-בע-או פֿאָרשט למשל אויס:

- װי גוט איז אַ באַהאַנדלונג אָדער אַ מעטאָד?
- װי אַזוי זאָל מען אָפּשאַצן די באַדאַרפֿענישן?
- װי אַזוי זאַל מען ניצן געלט אויס אויפֿן עפֿעקטיװוסטן אופֿן?

עס-בע-או שטעלט צו קענטשאַפֿט פֿאַר אַ בעסער דאַקטערײַ און פֿאַרזאָרג.

די געזעלשאַפֿט שטיצט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים מענטשן אונטער – למשל װען עס קומט צו געזונט, פֿאַרזאַרגן די עלטער און די מיט פֿיזישע אָדער פּסיכישע שװעריקייטן און אויך װען עס קומט צו העלפֿן נאַרקאָמאַנען. די געזעלשאַפֿט דאַרף אויך, דורך די שפּיטאָלן און דער סאָציאַלער באַדינונג, העלפֿן קינדער װעלכע עמעצער האָט בייזס געטאָן אָדער קינדער װעלכע האָבן פּראָבלעמען אין שולע. אַבער װי אַזוי װייסט מען װאָס פֿאַר אַ מין מעטאָד, זאָרג אָדער באֶהאַנדלונג איז די זיכערסטע און עפֿעקטיװוסטע ברירה? אָט דאָס שאַצט עס-בע-או אָפּ.

Översättning
ref.nr: 1603-5710

Stockholm
2016-10-25

Semantix